

# דער רבי זכרונו לברכה

## אדמו"ר הרה"ק ר' מרדכי שלמה פריעדמאן פון באיאן – ניו יארק, "דער רבי זכרונו לברכה"

ס'איז געווען בשעת די ירח האיתנים תרנ"א, די שטעטל באיאן איז פיל מיט די חסידים וואס זענען געקומען זיך ווייקען אינ'ם שאטן פונ'ם הייליגען רבי'ן די "פחד יצחק" הרה"ק ר' יצחק פון באיאן, די הייליגע טעג פון ראש השנה און יום כיפור זענען שוין אריבער בתפילה ותחנונים, מען גרייט זיך שוין אויפ'ן הייליגען גרויסען יום טוב סוכות. ס'איז שוין שבת קודש פרשת האזינו, י"ג תשרי צוויי טעג פאר'ן הייליגען יו"ט סוכות זמן שמחתינו, ווען עס פארשפרייט זיך די שמועה און מערט זיך די שמחה מיט'ן בשורה אז עס איז געבוירען געווארען א זוהן צום הייליגען רבי'ן, די הייליגע נשמה פון דער רבי זכרונו לברכה, איז אראפ אויפ'ן וועלט אלס די פערטער זוהן און די בן זקונים פון הרה"ק ר' יצחק, דער "פחד יצחק" וואס איז געווען די דריטער זוהן פון די אלטער רבי, הרה"ק ר' אברהם יעקב פון סאדיגורא וואס ער איז געווען דער צווייטע זוהן פון די הייליגע רוז'ינער, הרה"ק ר' ישראל. און צו זיין מאמע, מלכה, וואס איז געווען די טאכטער פון הרה"ק ר' יוחנן פון ראחמיסטריווקא (די יונגסטע זוהן פון די טשערנאבילער מגיד).

ביים ברית שבת חול המועד סוכות האט מען איהם א נאמען געגעבן מרדכי שלמה, מרדכי נאך זיין זיידע הרה"ק ר' מרדכי פון טשערנאביל, און שלמה נאך זיין פעטער הרה"ק ר' שלמה'ניו פון סאדיגורא. ביים סעודת הברית איז דער "פחד יצחק" געווען זייער בשמחה, און זיך אויסגעדרוקט "ס'איז א חידוש" וואט די חסידים האבן שפעטער אויסגעטייטשט אז די כוונה איז צו א "נשמה חדשה" וואט איז נאכנישט געווען אויף דעם עולם.

וועגן זיין געבוירען ווערן ווערט דערציילט: אין חודש אדר תרמ"ט איז געווען א מגיפה אין געגענט פונ'ם שטעטל באיאן וואס האט אומגעברענגט אסאך קרבנות צווישען זיי אויך צוויי טעכטער און צוויי אייניקלעך פונ'ם הייליגען "פחד יצחק" און דאס האט גורם געווען אסאך צער פאר'ן רביצען מלכה ע"ה. אין יענער צייט איז אויך קראנק געווארן איהר טאטע הרה"ק ר' יוחנן פון ראחמיסטריווקא איז די רביצען געפארן קיין ראחמיסטריווקא צו משמש זיין איהר טאטע, ביז ער איז ב"ה בעסער געווארן, ווען זי איז אריין צו איהר טאטע זיך געזעגענען פאר'ן אוועק פארן, האט ער איהר געפרעגט וואס זי וויל אלס שכר פאר'ן איהם העלפען, האט זי גע'ענפערט, אז זי וויל א מתנה נאך א זוהן, האט ער איהר אנגעוואוטשען, און פון די ברכה איז די רבי געבוירען געווארן. האבן די חסידים געזאגט אז מ'פלעגט איהם רופען מאטי'ניו פונ'ם לשון "מתנה".

ווען ער איז אלט געווען 9 יאר איז ער א חתן געווארען מיט הרבנית חוה שרה, די טאכטער פון הרה"ק ר' ישראל שלום יוסף העשיל פון מעז'יבוז' (ער איז פריער געווען א שוואגער פונ'ם "פחד יצחק" זייענדיג אן איידעם ביי הרה"ק מסאדיגורא, נאר נאך פיר און צוואנציג יאר נאך זיין חתונה איז זיין ערשטע רבצין ל"ע נפטר געווארן אן קיין קינדער, און ער האט חתונה געהאט בזיווג ש מיט אן אייניקל פון הרה"ק ר' פנחס פון קארי'ץ זי"ע, און ער האט געהאט מיט איהר פיר זוהן און פינעף טעכטער). וואס ער איז געווען א זוהן פון הרה"ק ר' אברהם יהושע העשיל פון מעז'יבוז', וואס איז געווען אן איידעם פון הרה"ק ר' שלום יוסף די עלסטער זוהן פון די הייליגער רוז'ינער. אכט יאר שפעטער אויף ח"י סיון תרס"ח איז געווען די חתונה. נאך די חתונה איז די רבי אריבער וואוינען אין מעז'יבוז', זיין שווער דער מעז'יבוז'ער רבי האט איהם אויסערגעווענטליך שטארק געשעצט. דארט אין מעז'יבוז' איז ער אינאיינעם געשטיגען במעלות התורה והיראה, מיט זיין שוואגער הרה"ק ר' אברהם יהושע העשיל זצ"ל וועלכער איז שפעטער באקאנט געווארן אלס דער טארנאפאלער רבי און איז דעמאלטס געווען א חתן ביי זיין פעטער, הרה"ק ר' יצחק מאיר העשיל פון קאפיטשניץ זצ"ל. נאך איידער זיין שוואגער ר' אברהם

יהושע האט חתונה געהאט אין קאפיטשניץ איז דער מעשז׳יבוז׳ער רבי נסתלק געווארן, איבערלאזענדיג א שטוב מיט קליינע יתומים ל״ע, פון וועלכע נאר דער עלטסטער – הרבנית חוה שרה – איז געווען נאך די חתונה. דאן האט דער יונגער ר׳ מרדכי שלמה גענומען אויף זיך דעם עול הבית, און חתונה געמאכט זיין שוואגער ר׳ אברהם יהושע זצ״ל, און שפעטער די אנדערע קינדער, דערנאך איז ער צוריק געפארן קיין באיאן, אין באיאן האט ער זיך געפינען א גוטע חברותא זיין פלומעניק הרה״ק ר׳ משה׳ניו פון באיאן – קראקא זצ״ל, אן איידעם ביי זיין עלטסטע ברודער הרה״ק ר׳ מנחם נחום, רבי משה׳ניו איז געווען בארימט אלס גאון בתורה, און זיי האבן צוזאמען פארברענגט ימים ולילות בלימוד התורה ויראת ה׳ מאירה – נאך די קריג ווען רוב רובם פון די קינדער און אייניקלעך פון באיאנער הויף זענען אומגעקומען עקדה״ש, האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט: ״אויף יעדען קען איך מקבל תנחומים זיין, אבער אויף ר׳ משה׳ניו בין איך נישט מקבל תנחומין עד ביאת משיח צדקנו!״. אין באיאן איז ער געווען ביז די ערשטער וועלט׳ס מלחמה האט זיך אויסגעבראכן סוף שנת תרע״ד, וואס דעמאלס איז ער אנטלטפען צו ווין מיט זיין טאטע, מאמע און מיט דו גאנצע משפחה, און צוזאמען מיט רוב אדמו״רי בית רוז׳ין.

שוין ווען ער איז געווען גאר יונג איז זיין גרויסקייט געווען באוואוסט. ער פלעגט זיצן איינגעשפארט אין זיין צומער און ער האט געלערענט א גאנצע נאכט, זיין מאמע איז פארזארגטעהייט געגאנגען זאגען פאר זיין טאטע אז ער זאל איהם אפזאגען פון דעם ווייל עס קען שאטען פאר זיין געזונט, האט זיין טאטע געזאגט אז מ׳זאל איהם אפלאזן און ער האט אויסגעפירט, ״איך האב דאך שוין געזאגט אז ער איז א חידוש״. זייענדיג דער בן זקונים פון הייליגן ״פחד יצחק״ זצ״ל האבן די חסידים נאכגעפאלגט יעדע תנועה זיינעם, און אין די שפעטערע יארן האבן זיי נאכדערציילט ווי אזוי ״ער איז שוין געווען א געבוירענער רבי״ ווייל שוין אלס קינד האט מען געמאסטען יעדע דיבור ומעשה זיינעם, און חסידים האבן זיך צו איהם מתייחס געווען ווי צו א רבי זקן ורגיל. אמאהל איז געקומען איינער פון די חסידים צום ״פחד יצחק״ זצ״ל מזכיר צו זיין זיינע פרוי לרפו״ש, היות מען האט דאן נישט געקענט אריינגיין אל הקודש פנימה, און וויבאלד די חסיד האט זיך שטארק געיאגט האט דער גבאי מייעץ געווען דעם חסיד, אז ער זאל ארויסגיין און מזכיר זיין פאר איינע פון די רבי׳ס זוהן, איז דער חסיד ארויס אין הויף און ער האט געטראפן דעם בן זקונים מרדכי שלמה וועלכער שפילט זיך אינדרויסן, איז ער צוגעגאנגען און האט איהם איבערגעגעבן דעם קוויטל, האט דער קינד געענטפערט: ״יהי רצון זאלסט טרעפן א זיווג הגון בקרוב״, די חסיד האט נישט פארשטאנען פשט אבער ער איז אהיים געגאנגען, ווען דער חסיד איז אהיים געקומען איז זיין פרוי ליידער שוין נישט געווען בין החיים, און א קורצע צייט נאכ׳ן אומגליק האט ער געטראפן א זיווג הגון מיט וועמען ער האט חתונה געהאט בזיוו״ש. ס׳איז געווען די מנהג ביים ״פחד יצחק״ אז יעדער טאג פון וואך פלעגט ער פארברענגען מיט אן אנדערע זוהן, צוויי מאל א וואך מיט אן אנדערע פון די פיר זוהן, אבער מיט די רבי האט ער נאר פארברענגט איינמאל אין וואך, אויף שבת קודש מיט׳ן אויסדרוק ״מיט איהם פארגין איך זיך נישט דעם תענוג, נאר איינמאל אין וואך אינ׳ם שבת קודש״.

אויף שיבסר (י״ז) אדר תרע״ז איז די הייליגע נשמה פון די הייליגע ״פחד יצחק״ ארויף לגנזי מרומים, און די הייליגע ברודער האבן איבער גענומען די קרוין פון פירן די חסידים, יעדער אויף א צווייטער פלאץ. די עלטסטער ברודער הרה״ק ר׳ מנחם נחום איז געפארען קיין טשערנוביץ; די צווייטער ברודער הרה״ק ר׳ ישראל איז געפארען קיין לייפציג, דייטשלאנד; די דריטער ברודער הרה״ק ר׳ אברהם יעקב איז געפארען קיין לעמבערג, גאליציע; נאר די רבי איז געבליבען אין ווין מיט זיין מאמע, פון אנפאנג האט ער נישט געוואלט משמש זיין באדמורו״ת, אבער שפעטער האט ער בהתייעצות דודו הרה״ק ר׳ ישראל פון טשארטקוב זצ״ל זיך אריבער געצויגען צום אידישען קווארטייל און געגרינדעט דעם ״באיאנער קלויז״ און דארט אנגעהויבן צו פירן חסידים.

עטליכע וואכן אין יאר פלעגט דער רבי ארומפארן אין די שטעט פון גאליציע, ווי ער האט געוויילט אויף שבתים צווישען באיאנער חסידים. אבער נאך זיין מאמע איז אוועק ט״ז טבת תרפ״א האט די רבי שוין נישט געהאט וואס צו זוכען אין ויען, האט שוין אויך די רבי געזוכט א פלאץ ווי צו וואוינען און אויפשטעלין זיין קלויז. דארט אין ויען איז אמאל אריין געקומען א איד אינ׳ם רבינ׳ס קלויז פאר שחרית און געבעטען די גבאים צו ער קען דאווענען פאר׳ן עמוד היות ער האט היינט יארצייט, מען האט איהם צוגעלאזט, קוים וואס ער האט זיך נאר געשטעלט צום עמוד און אנגעהויבען צו דאווענען, איז די רבי ארויס פון דעם דאווענען שטובעל און ער האט איהם געפרעגט שטרענגערהייט וואס ער זוכט דא?, האט יענער מסביר געווען אז ער איז א חיוב, האט די רבי זיך אנגערופען: ״אפשר ביסטו טאקע א חיוב, דאס מיינט אבער נישט אז איך בין מחיוב דיר צו הערען״, ווי נאר די רבי האט דאס געזאגט, איז די מענטש ארויס געלאפען פון די קלויז, און ס׳איז נתברר געווארען אז יענער איז געווען אן אפיקורס וואס האט געוועט אסאך געלט מיט זיינע חבירים אז ער גייט קענען אויסנארען די רבי מיט׳ן מיינען אז ער איז אן ערליכער איד.

נאך די ערשטע וועלט מלחמה האבן פיל אידן ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, צווישען זיי זענען געווען אסאך רוז׳ינער חסידים, וועלכע האבן זיך בעיקר באזעצט אין ניו יארק און האבן מייסד געווען א קלויז אונטערן נאמען ״תפארת ישראל״ און די איסט סייד. די חסידים האבן אנגעווענדעט אסאך פעולות ארויס צו ברענגען איינעם פון די צדיקים לבית רוז׳ין קיין אמעריקע, אבער אן ערפאלג, אסאך השתדלות האט מען געמאכט ביי די רבי אז ער זאל קומען באזוכן קיין אמעריקע, מען האט אפילו ארויסגעשיקט קיין ויען א ספעציעלען שליח וואס זאל איהם איבערעדן, אבער אנהייב האט ער נישט געוואלט באוויליגען דעם פארלאנג. אין תרפ״ד האבן די רוז׳ינער חסידים געפועלט ביי הרה״ק ר׳ יצחק פון סאדיגורא – רימינוב א זוהן פון הרה״ק ר׳ ישראל פון סאדיגורא זצ״ל, וועלכער האט דעמאלטס געוואוינט אין ויען אז ער זאל קומען באזוכן אמעריקע. הרה״ק ר׳ יצחק איז געקומען קיין אמעריקע און געוויילט אין ניו יארק עטליכע חדשים, דעמאלס האט די רבי אויך מסכים געווען צו קומען אויף א באזוך אין אמעריקע, היות זיין קרוב הרה״ק ר׳ יצחק איז אויך דארט געווען, וטובים השניים מן האחד. ליידער איז הרה״ק ר׳ יצחק פלוצלינג נסתלק געווארן אין אמעריקע אין חודש כסלו תרפ״ה, און מאת ה׳ היתה זאת אז דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקא אין דעם לעצטען טאג פון דער שבעה, און האט געהאט די ערשטע אויפגאבע מחזק צו זיין די פאר׳יתומ׳טע חסידים פון דער פלוצים׳דיגער אומגליק, ער האט שפעטער געזאגט, אז ווען ער וואלט ווען געוויסט אז הרה״ק ר׳ יצחק איז שוין נישט בין החיים וואלט ער זיך צוריק געדרייט קיין ויען. דעם רבינ׳ס אנקום אין אמעריקע האט ארויסגערופן גרויס התרגשות, און טויזענטער אידן האבן איהם מקבל פנים געווען אין דעם גרויסען רומענישע שוהל ״שערי שמים״, דעם ערשטען שבת האט ער געפראוועט אין דעם גרויסן שוהל ״כוכב מיעקב״ וואס איז געווען נעבן דעם קלויז. נאך עטליכע חדשים אין אמעריקע איז די רבי צוריק געפארן קיין ויען, מיט׳ן חשבון נישט צוריק צו קומען זיך צו באזעצען אין אמעריקע. פון ויען איז ער פארבעטן געווארן דורך די חסידים אז ער זאל קומען וואוינען אין דרוהוביטש (פון ווי עס איז יענעם יאר אוועק געפארען זיין קרוב הרה״ק ר׳ חיים מאיר יחיאל שפירא מ׳דראהביטש זצ״ל, און איז ארויף געפארען וואוינען אין ארץ ישראל), און אויך פון אמעריקע זענען געקומען שליחות׳ן אז ער זאל צוריק קומען זיך דארט באזעצן און זיי וועלן זיך זארגן ער זאל קענען זיצען בכבוד און אנגיין מיט זין עבודת הקודש. אין נאכען זיך מתייעץ זיין מיט זיין פעטער הרה״ק ר׳ ישראל פון טשארטקוב און אויך מיט זיין עלסטער ברודער הרה״ק מטשערנאוויץ, איז ער אנגעקומען וואוינען אין ניו יארק אויף כ״ו חשון תרפ״ז. דארט האט ער אויפגעבויט זיין קלויז אויף 247 איסט– ברודוואי אין די איסט סייד, פון מנהטן. דעמאלס האט זיך אנגעהויבען א נייע קאפיטעל אין די לעבן פון אלע אמעריקאנער אידען.

דער רבי האט פון דער ערשטער מינוט אסאך אויפגעטועט אין אמעריקע בעניני חיזוק הדת, התורה והחסידות, ושמירת המצות, ובפרט אין די ראמען פון אגודת האדמורי"ם ווי ער איז געווען דער נשיא. יענע תקופה האבן זיך געפינען וויינציג ערליכע אידן אין אמעריקע, און דער רבי מיט זיין ספעציעלן אצילות'דיגען חן, מיט זיין הייליגע פערזענליכקייט און מיט זיינע אויסערגעווענליכע מדות טובות ונשגבות, האט געהאט א שטארקע דירעקטע און אומדירעקטע השפעה אויף פילע אידען זיך צו שטארקן בתורה ובמצות.

ביים אויסברוך פון די צווייטע וועלט'ס מלחמה ווען עס איז אנגעקומען קיין אמעריקע זיין קרוב הרה"ק ר' אברהם יהושע העשיל מ'קאפיטשניץ זצ"ל און ער האט זיך אויך באזעצט אין דער איסט סייד, האט דער רבי געטראפען אין איהם א חבר דבוק מאח און זיי האבן צוזאמען נושא בעול געווען בהרמת קרן החסידות בצדקה וחסד ובפדיון שבויים. נאך די קריג איז דער רבי שטארק באפריינדעט געווארן מיט די גדולים וצדיקים וועלכע זענען אויך אנגעקומען, ובפרט ביי הרה"ק ר' יעקב יוסף פון סקווירא זצ"ל, וועלכער האט איהם שטארק געשעצט, ווען א באיאנער חסיד איז אמאהל געקומען פון ארץ ישראל צום רבי'ן אויף די ימים נוראים, און איז איין טאג ארויסגעפארן קיין שיכון סקווירא צום סקווירא'ער רבי'ן, האט דער סקווירא'ער רבי איהם געגעבן פינעף און צוואנציג דאלאר, ווען דער איד האט גע'טענה'ט אז ער איז נישט געקומען נאך קיין געלט, האט איהם דער סקווירא'ער רבי געזאגט: "איך וויל האבן א חלק אין די מצוה פון פאר'ן צום באיאנער רבי'ן!". אויך איז ער שטארק נאנט געווען מיט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע וועלכע פלעגן זיך באזוכן יעדעס חול המועד איינער ביים צווייטען, און אנהאלטן א שטארקע ידידות. אויך פלעגט הגאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל אליין גיין ערב ר"ה זיך ווינטשן א גוט יאר, און ער פלעגט שטיין אין די שורה צווישען אלע חסידים, און אזוי אויך פלעגט ער אריין ברענגען אלע זיינע ספרים נאכען דרוקען פאר'ן רבי. אויך הגאון ר' אהרן קאטלער זצ"ל פלעגט בעטן זיין מזכיר זאל אפרופן דעם באיאנער רבי'ן יעדן ערב יום כיפור און איהם מזכיר זיין פאר א גוט יאר.

פיר מאל האט די רבי באזוכט אין ארץ ישראל, ל"ג בעומר און שבועות שנת תש"ט, חנוכה שנת תשי"ג, חנוכה שנת תשי"ח און ל"ג בעומר און שבועות שנת תש"כ, ביים צווייטען באזוך האט ער אויפגעשטעלט די רוז'ינער ישיבה "תפארת ישראל", צוזאמען מיט די אנדערע רוז'ינער רבי"ס, און כל ימיו האט ער נושא בעול געווען לקיום וחיזוק המוסד הקדוש. ווען דער רבי פלעגט פארן קיין ארץ ישראל, זענען די טעג און די וואכן וואס ער האט דארט געוויילט פארוואנדעלט געווארן אין ימי חג ויו"ט פאר אלע ארץ ישראל'דיגע אידן, הונדערטער חסידים פלעגן קומען זיך מסתופף בצל קודשו און מקבל זיין ברכות צדיק.

אויפען וועג פארנדיג ביי איינער פון די מאלען איז די רבי דורך געפארען די שווייצער בערג, די גבאי וואס האט נאכגעשט געזעהן אזא שיינע זאך האט נישט געקענט אויפהערען קוקען, אינמיטען האט ער באמערקט אז די רבי זוצט פאר'דביקה'ט און קוקט גארנישט אויפען שיינקייט, האט ער געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער זאל קוקען אויפען נפלאות הבורא, האט די רבי ארויפגעשארט אביסעל די ארבעל און האט געוואוזען אויפען האנט און געזאגט: "מבשרי אחזה אלוק", און גלייך זיך צוריק פאר'דביקה'ט, און נישט ארויסגעקוקט. אבער ווען די רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט איינער פון די חסידים וואס איז געזעצען לעבן די רבי און האט געווארט אז די רבי זאל שוין זאגען עפעס א ווארט, האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס די רבי קוקט א גאנצע צייט ארויס פון די פענסטער, האט ער געפרעגט וואס זעהט מען דארט אזויפיל?. האט די רבי גע'ענפערט: "אויף ארץ ישראל שטייט 'עיני ה' אלוקיך בה מראשית שנה ועד אחרית שנה', און אז די אייבערשטער האט אזויפיל אויף וואס צו קוקען, זובער קענען מיר טרעפען אויף וואס צו קוקען".

די רבי'ס וואודערליכע מדות האט מען געקענט זעהן אסאך מאל, און אין דער מדה פון בין אדם לחבירו איז די רבי געווען א גאון. ס'איז געווען בשעת די רבי איז איינגעשטאנען אין ירושלים ביי ר' משה לודמיר אין שטוב, האבן זיך די קינדער געשלאגען צווישען זיך ווער וועט האבן די זכיה צו רייניגען דו שטוב פון די רבי, בשעת ער גייט דאווענען וכו'. אבער ווען די רבי איז ארויס פונ'ם צומער, האבן זיי געזעהן אז עס איז געווען ממש ריין, אזוי, אז עס האט אויסגעזעהן כאילו ווי קיינער האט עס נישט גענוצט, אפי' אז א גאנצע טאג פריער האבן זיך געדרייט דארט אסאך מענטשען. אויך איז געווען אמאהל ווען די רבי איז איינגעשטאנען ביי א איד אין חיפה עטליכע טעג, און דער רבי האט פארלוירן דארט א מטבע שמירה פונ'ם הייליגן ריז'ונער זיע"א, וואס ער האט געהאט מיט זיך, וואס איז איהם געווען זייער חשוב, דער רבי האט דאס געזוכט און עס נישט געטראפן. האט ער נישט געמאכט קיין עסק און קיינעם נישט דערציילט, און איז אוועק געפארן. א פאר טעג שפעטער קומט דער בעל אכסניא און פרעגט דעם רבי'ן צו ער האט אפשר איבערגעלאזט א מטבע ביי איהם אין שטוב, און ווען דער רבי האט דאס געזעהן איז ער געווארען מלא שמחה און געזאגט אז ער האט עס טאקע פארלוירן ביי יענעם אין שטוב, דער איד האט זיך גערוואונדערט פארוואס האט דער רבי גארנישט געזאגט?, ווען דער רבי זאגט אווארט וואלט ער געהאלפן זוכן און מען וואלט דאס לכאורה גלייך געטראפן, רופט זיך אן דער רבי: "אמת, אבער אויב מען וואלט דאס נישט געטראפן וואלט מען חושד געווען די דינסט וואס איז א אידיש קינד. האב איך זיך בארעכענט בעסער צו פארלירן א מטבע פון זיידן, ווי צו מצער זיין א אידיש קינד!"

ס'האט פאסירט אמאהל ערב יום כיפור פאר מנחה צייט איז אריין געקומען צו די רבי א איד, נישט די קלוגסטער מענטש, און האט געשמועסט מיט די רבי א לאנגע צייט, האבן די גבאים געוואונקען פאר די רבי אז ער זאל צוענדיגען און פארשיקען די איד, אבער די רבי האט נישט געוואלט, נאכ'ן ענדיגען האט די רבי געזאגט: "ס'שטייט אין אגרת הרמב"ן 'יתנהג תמיד לדבר כל הדברים בנחת לכל אדם בכל עת' וואס מיינט דען 'בכל עת' אויב נישט אין אזא צייט". אויך האט פאסירט איין ערב פסח ווען א איד האט געזעהן, צו זיין וואונדער ווי די רבי שטייט אין קלויז און ווישט די בענק, ווען ער האט געזאגט אז עס איז דא גבאים געשטעלט אויף דעם, האט די רבי געזאגט: "די גבאים זענען דאך פארנומען מיט די הכנות פאר יום טוב, און באלד קומען אן מענטשען מיט נייע בעקעטשעס ס'איז א שאד ס'זאל שמוציג ווערען". אזוי אויך איז געווען איין ערב שבת, א איד איז אריין אין קלויז, ווי איבעראשט איז די איד געווען ווען ער האט געזעהן ווי די רבי שטייט אויף א בענקעל און שטעלט  אן די זייגער, האט די איד געזאגט אז ער וועט עס טוהן, האט די רבי איהם געפרעגט מיט וואונדער: "בין איך דען פטור פון די מצוה". ס'איז געווען אמאל וואס א חסיד האט געדאווענט אין פאלטישאנער בית המדרש אין בארא פארק און ער האט געלאדענט דעם רבי צו זיין סנדק ביי א ברית, און דער רבי איז געקומען צו פארן פון די איסט סייד אין מנהאטן, און ווען דער רבי איז אנגעקומען אין שול האט ער געהייסן פאר'ן חסיד געבן די סנדקאות פאר'ן פאלטישאנער רבי הרה"ק ר' אלעזר טווערסקי ב"ר שלמה ב"ר דוד מסקווירא זצ"ל ווייל ער איז די מרא דאתרא און דאס אלעס אפילו אז דער רבי האט זיך שטארק מטריח געווען צו קומען. ווען די רבי איז שוין געווען אויפ'ן עלטער פלעגט זיצען א בחור און לערנען יעדער פרייטאג צונאכטס אין דער קלויז ביז בערך א שעה נאכן דאווענען, און פלעגט שטענדיג זיין די לעצטע ארויס צו גיין, ווען די רבי פלעגט נאכ'ן ענדיגען אינ'ם צומער, האט די רבי פארשפארט די צומער, אריין געגאנגען אינ'ם קלויז געזאגט א גוט שבת פאר'ן בחור און ארויף געגאנגען לביתו נאוה קודש. איין שבת האט דער בחור געהערט ווי די רבי גייט ארויס פון צומער פארשפארט די טיר און הייבט אן ארויף צוגיין שטייטעליך די שווערע טרעפ, איין טרעפ און נאך א טרעפ, ער הערט שוין ווי די רבי האט שוין גע'עפענט די טיר פון זיין הויז, ווען פלוצלינג הערט די בחור ווי די רבי הייבט אן צוריק אראפ צוקומען, האט דער בחור געטראכט אז מסתם האט די רבי עפעס פארגעסען אין זיין צומער און דעריבער קומט ער צוריק אראפ. אבער ווי ערשטוינט איז דער בחור געווען ווען די רבי איז אריין אין קלויז און זאגט פאר'ן בחור: "איך האב דיר פארגעסען צו זאגען א גוט

שבת, קען זיין אז דו האסט חלישת הדעת", די רבי האט איהם איבער געבעהטען און איז צוריק ארויף געגאנגען די שווערע און לאנגער טרעף.

אויך מיט'ן מדת האמת האט זיך די רבי אויסגעוויזען גאר שטארק, ווי עס ווערט דערציילט אז א פאר יאר נאך די רבי איז אריבער וואוינען אין אמעריקע, איז א חסיד געפארען פון אמעריקע קיין אירופה, און איז אריין צו הרה"ק מ'טשערנוביץ, וואס האט איהם געפרעגט: "וואס מאכט מיין ברודער, ווי אזוי איז ער זיך מסדר אין אמעריקע", האט די חסיד גע'ענפערט אז ער מוטשעט זיך גאר שטארק, האט דער טשערנוביצער געזאגט: "וואס איז דען די חידוש, מיין ברודער איז דאך די מקור האמת, אין אמעריקע איז דאך די מקור השקר, ס'איז דאך תרתי דסתרי". אויך ווערט דערציילט אז ס'איז געקומען איינער פון די משילוחים פון די ישיבה זיך דורך רעדן מיט די רבי וואס ער זאל זאגען פאר די נגידים וועגען די ישיבה, און ער האט געזאגט: "היות אין די ישיבה לערענט יעצט 36 תלמידים, וויל איך זאגען אז עס לערענט 40 תלמידים", האט די רבי גע'ענפערט: "אבער ס'מאכט זיך אמאל אז עס פעלט איינס אדער צוויי תלמידים, דעריבער זאל מען זאגען אז עס לערענט דארט 34 תלמידים". אזוי אויך איז געווען נאך איינער פון די מאלען וואס דער רבי האט באזוכט אין ארץ ישראל און האט באזוכט אין די ישיבה, איז פארגעקומען איינער פון די מלוה מלכה'ס פאר די ישיבה, האט דער רבי חושד געווען אז אפשר מיט'ן זאגען גרויסער זאכען וועגען די ישיבה וועט מען מיינען אז די ישיבה איז די גרעסטע און די בעסטע ישיבה אין ארץ ישראל, וועגען דעם האט די רבי געזאגט: "איך קום יעצט פון ארץ ישראל דארט האב איך געזעהן אסאך ישיבות און אסאך תלמידים וואס זענען עוסק אין לימוד התורה מתוך הדחק, אויך האב איך געזעהן די רוז'ינער ישיבה".

דער רבי האט זיך ארויסגעוויזען אלס גאר א גרויסע תלמוד חכם, ס'איז אמאל געווען בשעת אן אסיפה, ווי ס'איז געזעצען אסאך רבנים און גדולים, בשעת די אסיפה האבען די רבנים גערעדט אין לערנען און זענען שטיין געבליבען אויף א שווערעקייט און זיי האבען זיך נישט געקענט קיין עצה געבען, ביז די רבי האט זיך אנגערופען: "אפשר מיינט מען יענער תוספות?", ווען די רבנים האבן געזעהן אז דאס איז עס טאקע, האט די רבי זיך אנגערופען: "פונקט האב איך עס לעצטינס געלערענט", ווען די רבי איז ארויס נאך די אסיפה איז צו איהם צוגעגאנגען די בלאז'ובער רבי און געפרעגט: "באיאנער רבי, זאג מיר די אמת ווען האסטו געלערענט די תוספות?", האט די רבי גע'ענפערט: "באמת האב איך עס געלערענט שוין לאנג צוריק, אבער וואס זאל איך טוהן אז ס'איז דארט געווען גרויסע רבנים, איך האב נישט געוואלט פוגע זיין". ווען די רבי איז געווען אין תל אביב אין תשי"ג איז ער איינער פון די טעג אריין געפארען צו בני ברק צו באזיכען די "חזון איש", און זיי האבען גערעדט פאר צוואנציג מינוט בענין הלכות מקוואות און מים שאובים (פון די שווערסטער הלכות), נאכ'ן באזוך האט די "חזון איש" ארויס באגלייט די רבי ביז'ן קאר, אויפען וועג צוריק אריין אין זיין הויז האט ער זיך אויסגעדרוקט: "איי, איי, די באיאנער רבי איז דאך 'יסוד שביסוד'". שפעטער האט די "חזון איש" געשוקט איינער פון זיינע ספרים צו די רבי, און אין דעם האט ער אריין געשרובען: "לכבוד הדרת גאונו שליט"א". סוף ימיו האט דער רבי געבעהטען פון זיין פלומעניק, היות ער האט מורא אז צוליב ער האט זיך פארעלטערט האט ער פארגעסען א חלק פון זיין לערנען וויל ער אז ער זאל איהם פארהערן א תוס' אין יומא (דף לד:), דער לענגסטע תוס' אין ש"ס, אינמיטען איבערזאגען, האט דער רבי אויסגעלאזט איין ראי' פון תוס', די פלומעניק נישט וועלען'דיג גורם זיין קיין עגמת נפש פאר'ן רבי האט גארנישט געזאגט, אבער אזוווי דער רבי האט גע'ענדיגט, האט די רבי געזאגט: "דאכט זיך אז איך האב אויס געלאזט א ראי' פון תוס'.

שבועות שנת תש"ח איז די רבי געזעצען בביתו נאוה קודש, ווען פון איינער פון די דערנעבינדיגער בנינים האט זיך ארויס געהערט א קול פון תפילה ותחנונים, האט די רבי געבעטען מ'זאל מברר זיין וואס איז פשט פון די תפילות יעצט. האט מען איהם געזאגט אז די תפילות קומען פון די גרערר שטיבעל, וואס זיי דאווענען פאר'ן רפואה פון זייערע רבי הרה"ק דער "אמרי אמת", האט דער רבי געזאגט: "אויב וואלט איך געוואוסט צו ער לעבט נאך וואלט איך אויך גדאווענט פאר איהם", נאך יום טוב האט מען אויסגעפונען אז אין יענער צייט האט שוין דער "אמרי אמת" נסתלק געווארען.

ס'איז אמאל אריין צווי פרויען צוזאמען צו די רבי, וואס האבען נאכנישט זוכה געווען מיט קיין קינדער, האט די רבי געפרעגט די ערשטער: "וואס ווילסטו?" האט זי גע'ענפערט: "איך וויל די רבי זאל מיר וואונטשען מיט א קינד", האט די רבי אנגעוואונטשען, און זיך אויסגעדרייט צום צווייטער: "און וואס ווילסטו?", האט די צווייטער פרוי גע'ענפערט: "איך וויל אז די רבי זאל מיר אנוואונטשען מיט קינדער", האט די רבי אויך זי אנגעוואונטשען. און אזוי איז טאקע געווען די ערשטער האט געבוירען א בת יחידה, און די צווייטער האט געבוירען אפאר קינדער.

אזוי אויך האט די רבי זיך גדארפט קעגען שטעלען מיט עלטערען פון בחורים וואס האבען נישט ליב געהאט אז זייערע בחורים ווערען ערליכער חסידישער בחורים, ס'איז אמאל אריין צו די רבי א בחור און זיך אויסגעוויינט אז זיין טאטע האט איהם געשטראשעט אז אויב הערט ער נישט אויף מיט זיינע "חסידישע מעשיות", וועט ער איהם נעמען צו א חבר וואס איז א דאקטער, וואס וועט באשטעטיגען אז ער איז משוגע, און וועט איהם אריין שטעלען אין א משוגעים הויז, די רבי האט איהם בארואיגט, און האט איהם צוגעוואונטשען אז אלעס וועט זיין אין ארדענונג. א פאר טעג שפעטער איז די בחור'ס טאטע אריין צום רבי, און האט אויסגעבראכען אין א געוויין, און האט זיך אויסגערעדט אז זיין צווייטע זוהן איז פלוצלינג משוגע געווארען, און די דאקטוירעם ווילן איהם אריין שטעלען אין די משוגעים הויז אין וואס ער האט געשטראשעט אז ער וועט אריין שטעלען זיין זוהן. האט די רבי איהם געזאגט אז ער זאל צוזאגען אז ער וועט אויפהערען צו פיינעגען זיין זוהן און האט איהם אנגעוואונטשען. און טאקע די זוהן איז צוריק נארמאל געווארען פונקט ווי פריער.

ס'איז געווען א איד  וואס ס'איז איהם געבוירן געווארן א קינד אין א צייט וואס דער רבי איז נישט געווען אין געגענט, האט דער אבי הבן מכבד געווען דעם בלאז'ובער רבי הרה"ק ר' ישראל שפירא צו זיין סנדק. דעם טאג פון ברית האט מען נישט געקענט מאכן די ברית און מען האט דאס אפגעשטופט. ווען מען האט שוין געקענט מאכן דעם ברית איז שוין דער רבי צוריק געקומען. דער אבי הבן האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ער האט שוין מכבד געווען דעם בלאז'ובער רבי מיט סנדקאות אבער יעצט איז דער רבי שוין דא. האט ער זיך אויסגערעדט פאר'ן רבין וואס זאל ער יעצט טוהן?, און דער רבי האט אים גע'ענטפערט אז ער זאל זיך נישט זארגן ווייל ער וועט זיך שוין א עצה געבן מיטן בלאז'ובער רבי. דער רבי האט אן געקלינגען דעם בלאז'ובער רבי און האט איהם געפרעגט צו ער קען מאכן מיט איהם א געשעפט, האט דער בלאז'ובער רבי גע'ענפערט אז יא, האט דער רבי געזאגט אז אזוי ווי מיין חסיד האט אייך מכבד געווען מיט סנדקאות, וויל איך אייך אנטראגן א געשעפט, איך וועל נעמען די סנדקאות און איך גיב איבער די סידור קידושין פונ'ם קינד פאר'ן בלאז'ובער רבי. האט דער בלאז'ובער רבי געענטפערט אז ער איז מסכים צום געשעפט און האט מוותר געווען אויפן סנדקאות. דער בלאז'ובער רבי איז שוין דעמאלטס געווען א זקן פון 80 יאר. דער ברית איז פארגעקומען בשלום און די רבי איז געווען סנדק. בערך 20 יאר שפעטער ווען דאס קינד האט חתונה געהאט האט מען מכבד

געווען דעם בלאז'ובער רבי צו זיין מסדר קידושין פאר'ן קינד, ער איז שוין דעמאלס אלט געווען 100 יאר אלט. אביסל נאכ'ן סידור קידושין איז ער נסתלק געווארן.

די לעצטע יארן פון די רבי, שנת תשכ"ז, איז ער מחמת חולשת גופו הטהור אריבער וואוינען לעבן בניו הרה"ח ר' יצחק זצ"ל און הרה"ח ר' ישראל זצ"ל, אין די וועסט סייד געגענט פון מנהטן, און האט דארט אויך געהאט זיין אייגענעם קלויז, אויף יומי דפגרא פלעגט ער אריינקומען אין דער איסט סייד צו דאווענען און צו פירן זיינע הייליגע טיש'ן אין זיין קלויז בקרב חסידיו.

ר' משה שערר ז"ל די יושב ראש פון אגודת ישראל אין אמעריקע, ברענגט אין זיינע כתבים א מורא'דיגע מעשה אויף די מסירות נפש פון די רבי וועגן די כלל, אפי' אין זיינע לעצטע יארן ווען ער איז געווען נישט געזונט און זייער שוואך. וז"ל: די פחד פון די וואס וואוינען אין ארץ ישראל האט זיך שטארק ארויסגעוויזן אין די צייט ווען עס האט זיך אנגעהויבן די 6 טאג'דיגע מלחמה, זומער תשכ"ז. אפאר טעג פאר די מלחמה האט זיך אויסגעבראכן, האט געדארפט פארגעקומען א זיצונג פון די מועצת גדולי התורה אין אמעריקע, אין די אפיס פון די מועצת. פאר דעם זיצונג האט מען מודיע געווען פון די רבינ'ס שטוב, אז אזוי ווי די רבי איז זייער שוואך, וועט ער זיך נישט קענען משתתף זיין ביי די צוזאם קום. אסאך פון די רבנים גאוני הדור, האבן וועגן דעם אנגעטראגן אז מען זאל מאכן די גאנצע אסיפה אין די הויז פון די רבי. אבער לויט די באפעל פון די דאקטוירים וואס האבן אנגעזאגט אז די רבי טאר זיך גארנישט אנשטרענגען, און מוז רוען, און זיי האבן צוגעלייגט אז יעדע אנשטרענגונג פון די רבי קען זיין א סכנה פאר זיין לעבן, און ער טאר נישט אנטייל נעמען אין קיין שום צוזאמקום. האט מען אראפ גענומען די פלאן פון טיש. ווי איבערראשט זענען זיי וועגן דעם געווען, ווען אפאר מינוט פאר די אסיפה האט זיך אנגעהויבן, האט זיך די טיר גע'עפנט, און ביים טיר זעהט מען די געשטאלט פונעם רבי'ן, ער איז געווען ווייס און בלאס. אויף זיין געזוכט האט מען געקענט אנזעהן אז ער האט יסורים און מיט שווערע טריט האט ער זיך צוגעשלעפט צום טיש און זיך אוועק געזעצט אויף א בענקל. אלע רבי'ס און ראשי ישיבות זענען געווען געשטוינט פון זיין אנטייל נעמען, און זיי האבן מורא געהאט אז עס זאל חלילה נישט שאטן צו זיין געזונט. די רבי האט זיך פארענטפערט פאר זיי מיט א שטיל קול, "עס איז מיר געווען שווער צו קומען אהער, אבער עס איז נאך שווערער געווען פאר מיר צו בלייבן אין די היים. אידן זענען אין א סכנה, אידען דארפן רחמים און ווארטן פאר א ישועה, ווי אזוי קען מען אין אזא צייט בלייבן אינדערהיים". מער ווי א שעה איז אנגעגאנגען די אסיפה. די גאנצע צייט איז די רבי געזעצן מיט די יסורים באהאלטן אינעווייניג, ווען ער שטארקט זיך איבער זיינע ווייטונגען, און איז זיך משתתף אין די שמועס וואס די גדולים האבן געפירט. צום סוף ווען די אסיפה האט זיך געענדיגט, און ער האט זיך געוואלט אויפשטעלן פון זיין בענקל, האבן זיך די יסורים געשטארקט און עס איז ארויס א קרעכץ פון זיין מויל. יענע מינוט איז איינע פון די גדולים, א נאנטע ידיד פונעם רבי צוגעקומען און געפרעגט, פארוואס האט זיך די רבי געדארפט אזוי מטריח זיין, וואלט נישט בעסער געווען ווען מען מאכט די אסיפה ביי איהם אינדערהיים?, האט די רבי גע'ענטפערט: "נו! עס איז נישט שלעכט, ווען אידען זענען אין א סכנה, מעג מען אביסל שפירן ווייטאג וועגן זיי". אין די טעג פון די מלחמה זעלבסט, האט ער געוואלט א גאנצע צייט הערן און וויסן וואס עס פאסירט אין ארץ ישראל. ער האט נישט אפגעלאזט די עסקנים פון אגודת ישראל, ער האט געמאנט פון זיי אן אויפהער, צו טוהן און שתדל'ן אין וואשינגטאן, ביי די ס'טעיט דיפארטמענט, צו רעדן מיט סעניטארן, און בכלל צו טראכטן מיט וואס מען קען צוהעלפן די אידן. ער איז געווען פארנומען א גאנצע צייט צו טראכטן אז אפשר טוט מען נישט גענוג, צו העלפן די אידן אין ארץ ישראל. ווען עס איז געקומען די גוטע בשורה אז די אראבער זענען געפאלן, האט עס אריינגעגעבן אין איהם א גייסט פון לעבן. פון די אנדערע זייט האט עס איהם ווי געטוהן אויף די פולע קרבנות

וואס זענען געפאלן. ער האט געפרעגט און חוקר געווען צו עס איז אמת אז אזוי פיל סאלדאטן זענען געפאלן, און ער האט גלייך צוגעלייגט, "אין אמת'ן טאר מען אפי' נישט פרעגן אזוי, ווייל אפי' איין איד וואס שטארבט איז א גרויסע ווייטאג". אין זיינע ווערטער האט מען געקענט הערן אז זיין הייליג הארץ ווערט טאקע צוריסן אויף יעדע נפש בישראל.

ג' חשון שנת תשל"א האט דער רבי נאך געפראוועט די סעודת הילולא פון זיין זיידע די הייליגע רוז'ינער זי"ע אינ'ם קלויז אין די איסט סייד, הגם קיינער האט נישט געקלערט אז דאס איז פון די לעצטער טיש'ן וואס דער רבי וועט פראווען בקרב חסידיו האט זיך פארט אנגעזאמעלט א ריזיגער ציבור חסידים, און דער געדרענג איז געווען אומגעהויער גרויס, צווישען די חסידים האבן זיך אנגעזעהן דער סקולענער רבי זצ"ל, און הגאון רבי משה ביק זצ"ל, אבד"ק מעז'יבוז', דער רבי איז געווען גוט אויפגעלייגט און האט כמה פעמים איבער'גע'חזרט דעם פסוק "עבדו את ה' בשמחה" און "פקודי ה' ישרים משמחי לב".

די פאלגענדע טעג איז דער רבי זייער אפגעשוואכט געווארן און ער האט געליטען ביטערע יסורים וואס ער האט מקבל געווען באהבה, ער האט זיך אמאהל אויסגעדרוקט: "איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך איין מענטש אויף דער וועלט וואס ליידט אזעלכע יסורים ווי איך!". אינצווישען איז אויך די רביצען חוה שרה ע"ה נישט געזונט געווארן און לויט'ן באפעל פון די דאקטוירים האט מען דעם רבי'ן נישט געטארט דערציילן איבער איהר מצב, דער רבי האט זיך כסדר נאכגעפרעגט איבער די רביצען און מען האט איהם פארזיכערט אז איהר מצב פארבעסערט זיך, ערש"ק ויצא ז' כסלו איז זי נפטר געווארן לבית עולמה, לויט די באפעל פון די דאקטוירים האט מען דעם רבי'ן אויך נישט מגלה געווען איבער איהר פטירה, ראה זה פלא, זינט יענעם טאג האט דער רבי זיך מער נישט נאכגעפרעגט איבער איהר מצב!. מוצאי שב"ק וישב, כ"א כסלו איז פארגעקומען די סעודת מלוה מלכה לטובת ישיבת "תפארת ישראל", דאס איז געווען דאס לעצטע מאהל וואס רוב פון די חסידים האבן געזעהן דעם רבי'ן אין דער עפענטליכקייט, א אינערליכער הרגש האט דורכגענומען דעם עולם, ווען דער רבי האט געזאגט דברי ברכה ואמרי קודש, די "צוואה" פאר די חסידים איז געווען באגלייט מיט הדרכות בתורה ויראת שמים, און דער גרויסער אוהב ישראל האט גע'ענדיגט זיינע ברכות מיט די ווערטער: "דער רוז'ינער דרך איז בהרחבה, הן ברוחניות והן בגשמיות, זאל השי"ת העלפן אז עס זאל זיין בהרחבה פאר אידן!". אויף חנוכה האט די רבי נאך געצינדן חנוכה ליכט בקרב חסידיו, ער האט שטארק געקרעכצט פון גרויס יסורים ומכאובים און ער האט שווער געקענט ענדיגען די מזמורים וואס מען זאגט נאכ'ן צינדן, זאת חנוכה האט די רבי אויך געפירט א טיש. כ"ב טבת האט דער רבי געליטן א שווערן סטראוק ל"ע, און מען האט איהם אפפגעפירט אין "בית ישראל" שפיטאל, ליגענדיג אויפ'ן בעט צוגעטשעפעט צו די מאשינען און די מעדיצינען האט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין איידעם הרה"ח ר' מנחם ברייער זצ"ל און געבעטן אז ער זאל זינגען פאר איהם דעם ניגון "כי בשמחה תצאו", די גאנצע צייט וואס מען האט געזינגען איז דער רבי געווען אין א העכערע דביקות, און ווי נאר מען האט גע'ענדיגט זינגען דעם ניגון האבן די מאשינען זיך צעפיפן און די דאקטורים זענען אריינגעלאפן און געזעהן אז דער רבי האט פארלוירן דעם באוויסטזיין. במשך די פאלגענדע וואכן האט דער רבי געליטן גרויסע יסורים ומכאובים, זיין הייליגער גוף האט זיך ליידער געווארפן פאר ציטער, פון צייט צו צייט האט ער געשעפשעט מיט די ליפן, און דאס לעצטע מאהל איז געווען ד' אדר – איין טאג פאר דער פטירה – ווען די מקורבים האבן קלאר געהערט די ווערטער "כל טוב וטוב לכל בית ישראל".

ביום המר, ה׳ אדר, בערך זיבן אזייגער צופרי האט דער רבי אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה, בשעת משמורות חסידים האבן געזאגט מזמורי תהלים ופסוקי דרחמי, אראלים ומצוקים אחזו בארון הקודש נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון אלוקים!.

די לווי׳ איז ארויס פון רבינ׳ס קלויז אין איסט סייד, בהשתתפות פון טויזענטער אידן, ובראשם אלע גדולי ישראל פון אלע קרייזן, פון דארט איז דער ארון אפגעפירט געווארן קיין ארץ ישראל, ווי די לווי׳ איז ארויס פון די רוז׳ינער ישיבה אין ירושלים בהשתתפות פון טויזענטער אידן. א זעלטענהייט איז געווען ביים לופט פעלד ווי עס האט דארט אפגעווארט דעם ארון אסאך אדמורי״ם ורבנים ובראשות פון די אנדערע רוז׳ינער רבי׳ס, ובתוכם הרה״ק דער ״אמרי חיים״ פון וויזניץ זצ״ל טראָגן זיינע שוואכע כוחות, און הרה״ק דער ״בית ישראל״ פון גור זצ״ל. לפנות ערב איז דער רבי געקומען למנוחה במרומי הר הזיתים, ווי זיין ציון איז מקום תפילה פאר טויזענטער חסידים ביזן היינטיגען טאג.

מיט די פטירה פון רבי׳ן זצ״ל איז דאס רוז׳ינער גזע בכלל און די באיאנער חסידות בפרט פאריתומ׳ט געווארן, אבער מיט פופצען יאר שפעטער האבן באיאנער חסידים איבער די וועלט זוכה געווען אויפצונעמען אלס מנהיג וראש, דער נצר לבית אבותיו כ״ק אדמו״ר עט״ר שליט״א בן הרה״ח רבי מנחם מענדיל ברייער זצ״ל חתנא דביה נשיאה, וועלכער איז ממשיך מיט די שושלת הקודש אויף א ברייטן פארנעם, מכון שבתו בעיה״ק ירושלים תובב״א ומצודתו פרוסה איבער אלע באיאנער מוסדות איבער די וועלט עד בגוא״צ בב״א.
זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!

מקורות: ספר נר ישראל, ימי זכרון רוז׳ין, ספר אוהבן של ישראל, עלון דחסידי באיאן, פרדס יהודה, דער בליק, קובץ תפארת ישרא–ל, אוצרותינו, The Golden Dynasty

הרה"ק ר' ישראל
די "בעש"ט הקדוש"

תלמידו

הרה"ק ר' דוב בער
"די מעזריטשער מגיד"

הרה"ק ר' אברהם המלאך

הרה"ק ר' שלום שכנא פון פראהבישט
"די גרויסער ר' שלום"

הרה"ק ר' ישראל פון רוז'ין
"די הייליגער רוז'ינער"
ג' תשרי תקנ"ב - ג' חשון תרי"א


די קלויז אין סאדיגורא


די קלויז און די הויף אין באיאן


הרה"ק ר' אברהם יעקב
דער אלטער רבי פון סאדיגורא
כ' חשון תק"פ - י"א אלול תרמ"ג


די קלויז הג' מיט די ישיבה אין ירושלים


די קלויז אין די איסט סייד


הרה"ק ר' יצחק די פחד יצחק
"דער רבי פון באיאן"
ב' דר"ה תר"י - שיבסר אדר תרע"ז


הרה"ק ר' מנחם נחום
פון באיאן - טשערנאוויץ
כ"א כסליו תרכ"ט - י"ט אב תרצ"ו


הרה"ק ר' ישראל
פון באיאן - לייפציג
כ"ד אלול תרל"ח - ל' אב תשי"א


הרה"ק ר' אברהם יעקב
פון באיאן -לעמבערג
כ"ד ניסן תרמ"ד - ב' אלול תש"א

רבינו הרה"ק ר' מרדכי שלמה
דער באיאנער רבי פון ניו יארק,
"דער רבי זכרונו לברכה"

בן בתו

כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

